**גוט שבת אלע אידן.** די מעשה איז געשען מיט עטליכע אין 80 יאר צוריק אין ירושלים. אזוי ווי עס איז באקאנט, דאס וועטער אין ירושלים קען ווערן גאר הייס אין זומער. איין טאג אין די זומער טעג איז געווען א גרויסער היץ. דער טעמפעראטור האט זיך דערגרייכט צו 110 דעגריס! דער היץ האט געדויערט אפאר טעג. עס איז געווען אזוי שטארק הייס אז די שטאט האט אפילו געלייגט סיינס ארום די שטאט וואס האבן אנגעווארענט דעם עולם אז מען זאל נישט ארויסגיין אויפן גאס ללא לצורך און מען זאל זיין זיכער צו טרינקען גענוג וואסער כדי נישט צו ווערן דיהיידרייטעד , דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

די הייליגע שבת איז געקומען, אבער דער היץ איז נאכאלץ שטארק געבליבן. עס איז געווען אזוי הייס אז עס איז נישט געווען כמעט קיינער נישט אויפן גאס צוליב דער סכנה.

אין יענע טעג איז געווען א מגיד אין ירושלים וואס האט געהייסן ר' נאטע ווייס. ר' נאטע איז געווען גאר באליבט צווישן די ירושלמי אידן. ער פלעגט רעדן יעדע וואך שבת נאכמיטאג. ער האט גערעדט מיט א ברען און א געפיל. פארשטייט זיך אז וועגן דעם איז ער געווארן גאר א באליבטער רעדנער. זיין דברי חיזוק האט מעורר געווען אסאך אידן דורך די יארן. זיינע דרשות זענען געווען אזוי באליבט אז מענטשן פלעגן קומען פון ווייטענס אין שבת קודש צו הערן די דברי התעוררות. די דרשות זענען געווארן דעם "עונג שבת" פאר א גרויסן עולם!

אבער, יענער וואך שבת, ווען די זון האט געברענט אזוי שטארק, איז דער עולם נישט געקומען צו דער דרשה. ווען ר' נאטע איז אנגעקומען 3 אזייגער שבת נאכמיטאג צו יענער בית מדרש האט ער נישט געטראפן קיין איין איינציגען מענטש דארט! דער עולם איז נישט געקומען צוליב דעם גרויסן היץ.

ר' נאטע האט געווארט א שטיק צייט צו זען אויב עס וועט קומען עמיצן צו הערן די דרשה. אבער, ער האט געווארט עטליכע מינוט און קיינער איז נישט געקומען.

ר' נאטע האט זיך מיישב געווען אז ער וויל רעדן, אפילו צו א ליידיגער בית מדרש, ווייל... א מנהג איז א מנהג! ער איז געגאנגען ארויף די פאר טרעפן צו דעם ארון קודש און ער האט מסדר געווען זיין שטריימל אויף זיין קאפ. און דאן האט ער אנגעהויבן צו רעדן.

ביים אנהייב האט עס געשפירט אביסל מאדנע צו רעדן צו א גרופע ליידיגע בענקלעך. אבער צוביסלעך איז ער נתעורר געווארן און דאן האט ער אנגעהויבן צו רעדן מיט דעם ברען וואס דער עולם האט יעדע וואך אזוי שטארק ליב געהאט. זיין שטארקע קול האט ממש געשאקעלט דעם ליידיגע שול אין דעם שערי חסד געגענט פון ירושלים. טאמער איינער וואלט דורכגעגאנגען דעמאלט אויפן גאס, וואלט ער קיינמאל נישט געגלייבט אז ר' נאטע רעדט צו א ליידיגע שול.

45 מינוט שפעטער נאכדעם וואס ער האט אנגהויבן צו רעדן, האט ער געענדיגט זיין דרשה אויף תשובה. ער איז אוועקגעגאנגען פון דעם ארון קודש, גרייטנדיק ארויסצוגיין פונעם שול. פלוצלינג האט ער געהערט אן אינטערעסאנטען קול פון אויבן. וואס איז עס?!? האט ער געטראכט פאר זיך.

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה, לאמיר אביסל רעדן וועגן ענינים אין די פרשה וואס האבן א שייכות צו דער מעשה. דער ציל פון א מגיד איז צו מעורר זיין די צוהערערס צו טון תשובה און זיך צו פארבעסערן אין עבודת ה'.

זאגט דער "תומר דבורה" אז א איד זאל זיך שטרעבען צו מדמה זיין צו דעם אייבערשטער'ס מידות. אזוי ווי עס איז מרומז על פי קבלה אז "אדם" איז א לשון פון "אדמה לעליון", ד"ה זיך צוגלייכן צום אייבערשטען. די פרשה רעדט פון די בחינה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני וגו'." – און איר זאלט זיך מאכן הייליג, און דעמאלט וועט איר ווערן ממש הייליג, ווייל "איך בין הייליג" – זאגט דער אייבערשטער. (יקרא יא,מד) פון דא זעט מען אז מען דארף זיך מדמה זיין צו דעם אייבערשטענ'ס מידות. ווייל די סיבה וואס די תורה גיבט אז מיר זאלן ווערן הייליג איז ווייל דער אייבערשטער אליינס איז הייליג. איז לאמיר יעצט ענדיגען די מעשה וואס ווייזט ווי דער מגיד האט געוואלט העלפן אידן טון תשובה און ווערן הייליג אזוי ווי דער באשעפער.

פלוצלינג האט ר' נאטע געהערט א קול פון אויבען אין די עזרת נשים. א איד האט געשריגן "בסדר, איך גיי תשובה טון! איך זאג צו אז איך וויל פרובירן מיך צו פארבעסערן!"

ר' נאטע איז געווארן ערשטוינט. ער האט ארויפגעקוקט צו דער עזרת נשים וואו ער האט דערזען א אינגערמאן וואס האט אויסגעקוקט ווי ער איז געשלאפן אין די עזרת נשים.

דער אינגערמאן האט נעבעך געהאט לעצטענס א ירידה אין זיין לערנען און אין זיין עבודת ה', ל"ע. ער איז געקומען צו יענעם שול וואו ר' נאטע האט גערעדט, כדי צו קענען האפן א דרימעל שבת נאכמיטאג, נישט וויסנדיג אז ר' נאטע גייט רעדן. פלוצלינג אין מיטן זיין שבת מנוחה, איז דער אינגערמאן אויפגעוועקט געווארן ממש דורך ר' נאטע'ס ווערטער. און דורך דעם איז ער געווארן אן עכטער בעל תשובה! נישט קיין ווארט איז פארפאלן! **גוט שבת אלע אידן.**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

__**מבצע פאר'ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר'ן אריינקומען אין שול, כדי עס זאל נישט שטערן דעם דאווענען!**__

**גוט שבת אלע אידן.** די תורה די וואך רעדט פון דעם חשיבות פון די צדיקים פונעם דור. דער תפקיד פונעם כהן איז דאך געווען צו מטהר זיין מענטשן. צרעת איז נישט געווען קיין גשמיות'דיגע מחלה, נאר עס איז געווען א רוחניות'דיגע מחלה. דער כהן איז נישט געווען קיין דאקטאר, ער איז געווען א הייליגע מענטש וואס האט געהיילט מענטשן מיט זיין כח פון קדושה. די ספרים הקדושים ברענגען אז היינט זענען צדיקים אזוי ווי די כהנים אין פריעדיגע צייטן. ד"ה, א צדיק האט א כח צו מטהר זיין א מענטש.

דער ענין איז מרומז אין די אורים ותומים וואס דער כהן גדול האט געטראגן. וואס רש"י איז מסביר אז די אורים ותומים האבן געארבעט דורך א שטיקל קלף.(רש"י, יומא עג:) דאס איז אפשר א רמז צו א קוויטעל וואס מען גיבט פארן צדיק.

יעדער קרייז האט זיין רבי'ס, אפילו נישט יעדער איינער נעמט קוויטלעך. האבן א רבי איז א זאך וואס איז שייך איבעראל אין כלל ישראל. אזוי ווי די חכמים האבן געזאגט, "עשה לך רב..." די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף א מוראדיג אופן די מידות פון א גדול בישראל.

אין תשנ"ו האט הרב מתתי' סולומאן שליט"א איבערגענומען דעם שטעלע אלס משגיח אין דעם באקאנטען מקום התורה בית מדרש גבוהה אין לעיקוואוד, ניו דזשערסי. זייט דעמאלט ווען ער איז אנגעקומען פון געיטסהעד, ענגלאנד, איז דער תלמיד חכם הרב סולומאן שליט"א געווארן איינער פון דער גאר באליבטן רבנים אין די ליטווישע וועלט אין אמעריקע.

באלד נאכדעם וואס הרב סולומאן שליט"א איז געקומען וואוינען אין לעיקוואוד מיט זיין בני בית, זענען זיי געגאנגען וואוינען אויף זעקסטע סטריט, איין בלאק אוועק פון דער ישיבה. זיי האבן געהאט שכנים וואס האבן געהייסן די עפשטיינס. די עפשטיינס און די סולומאן משפחה זענען שנעל געווארן נאנטע חברים. די משפחות האבן געהאט קינדער אין די זעלבע עלטער, און ביידע משפחה האבן זיך געפרייט מיט די אנדערע'ס שמחה. אלול צייט תשנ"ט האט הרב סולומאן געמאכט א שידוך. די עפשטיינס האבן ספעציעל מיטגעהאלטן די שמחה, און זיי האבן געווארט אויף די חתונה צו קענען טאנצן צוזאמען מיט זייער גוטע פריינד.

ליידער אבער איז עס נישט באשערט געווען. ווייל עטליכע וואכן שפעטער, נאר אפאר טעג פאר ראש השנה, איז ליידער דער סולומאנ'ס באליבטען שכן רב שמעון עפשטיין, פלוצלינג נסתלק געווארן. ר' שמעון ע"ה איז געווען א תלמיד חכם, א מוהל און א שוחט, און ער איז באקאנט געווען פאר זיין חסד און צדקה וואס ער האט געטון. וויבאלד אז ער האט געוואוינט אין לעיקוואוד איבער 35 יאר, איז א ריזיגע עולם פון טויזענטע אידן געקומען צו דער לוויה.

פארשטייט זיך אז די עפשטיין משפחה זענען געווארן אבלים. אלס אבלים וואלטן זיי נישט געמעגט גיין צו שמחות, למשל צו חתונות, פאר די קומענדיגע 12 חדשים. וועגן דעם האבן די עפשטיין קינדער נישט געקענט קומען צו דער סולומאן חתונה. דאס האט נאר מוסיף געווען צו דעם צער וואס סיי די עפשטיין יתומים און סיי די סולומאנס האבן געשפירט.

דורך די קומענדיגע חדשים, האבן די סולומאנס געמאכט אלע הכנות פאר די גרויסע שמחה. דורך אלע הכנות, האבן זיי אבער פרובירט ווי ווייניגער צו רעדן וועגן די חתונה פלענער אין פראנט פון די עפשטיינס כדי זיי נישט וויי צו טון. אבער ווי נענטער עס איז געקומען צו דער חתונה איז עס געווארן שווערער און שווערער נישט צו רעדן וועגן אזא גרויסע שמחה נעבן די עפשטיינס. עס וועט זיין טאקע א גרויסע חתונה פאר די ליטווישע וועלט, א גרויסע עולם האט געפלאנט טייל צו נעמען אין דעם משגיח'ס שמחה. אבער, די עפשטיינס האבן געוואוסט אז זיי דארפן בלייבן אינדערהיים.

דער טאג פון די חתונה איז געקומען. די עפשטיין קינדער זענען אהיימגעקומען זעקס אזייגער, אזוי ווי יעדען טאג. ווען זיי זענען אהיימגעקומען, האבן זיי געטראפן א צעטל אויפן טיש, אויף וואס עס איז געשטאנען: "צו אונזערע טייערע חברים די עפשטיינס: ביטע גרייט נישט צו קיין נאכטמאל היינט. אייער נאכטמאל וועט באלד געברענגט ווערן צו אייך אלע. מיר גיין זיך בענקען אויף אייך ביי דער חתונה, און מיר האבן געוואלט אז איר זאלט אויך האבן א חלק אין אונזערע שמחה. וועגן דעם וועט קומען די קעיטערער צו אייער הויז מיט פורציעס פון די חתונה סעודה. מיר זאלן אלע זיך טיילן אין שמחות צוזאמען!"

ביז א שעה ארום איז געקומען א טראק פון דער חתונה זאל אין לעיקוואוד מיט א גאנצע סעודה פאר יעדען איינעם פון דער עפשטיין משפחה. די סולומאנס האבן אויך געטון פארשידינע אנדערע זאכן כדי די עפשטיינס וואלטן געקענט טייל נעמען אין דער שמחה.

די עפשטיינס זענען געווארן מוראדיג מתרגש. דאס וואס הרב סולומאן האט אזוי מטריח געווען פאר זיי האט געמאכט א מוראדיגע רושם. עס איז געווען א בחינה פון "דברים היוצאים מן הלב, נכנסים אל הלב." כאטש אפילו זיי זענען געווען אבלים, האט דער צדקות פון הרב סולומאן שליט"א דערמעגליכט אז די יתומים זאלן קענען מיטהאלטן דער שמחה וויפיל עס איז געווען שייך. זייער אמונת צדיקים איז נתחזק געווארן.

אזוי ווי מען האט פריער דערמאנט, יעדער קרייז האט זייער רבי'ס. אין יעדע דור איז דער אייבערשטער ממנה צדיקים פאר יענעם דור. חסידים האבן ב"ה א באזונדערע נאנטשאפט צו רבי'ס. מען דארף דעמאלט אויסשפילן דעם נאנטשאפט וואס מען האט צום צדיק.

באמת איז התקשרות צו צדיקים מסוגל צו שמחה. ווייל "אין שמחה כהתרת הספקות." די גרעסטע שמחה וואס קען נאר זיין איז ווען מען גייט צו א צדיק מיט שאלות אדער ספקות און דער צדיק גיבט פאר אלעמען אן א עצה טובה. די עניין ווערט אויך מרומז אין דברי חז"ל, "רבן גמליאל היה אומר, עשה לך רב, והסתלק מן הספק."

לאמיר געדענקן אז דער אייבערשטער האט געגעבן די כהנים א כח צו מטהר זיין א איד. היינט, זענען אונזערע צדיקים ממלא די תפקיד פון די כהנים פון אמאל. **גוט שבת אלע אידן.**

**לע"נ ר' דוב בער בן ר' חיים וואלפבערג ע"ה כ"ו אדר תשי"ח**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

<u>מבצע פאר'ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר'ן אריינקומען אין שול, כדי עס זאל נישט שטערן דעם דאווענען!</u>